אֵלָיו׃ וַיִּקְרָא אֲלֵהֶם מֹשֶׁה וַיָּשֻׁבוּ אֵלָיו אַהֲרֹן וְכָל־ לא
הַנְּשִׂאִים בָּעֵדָה וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֲלֵהֶם׃ וְאַחֲרֵי־כֵן נִגְּשׁוּ כָּל־ לב
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיְצַוֵּם אֵת כָּל־אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אִתּוֹ בְּהַר
סִינָי׃ וַיְכַל מֹשֶׁה מִדַּבֵּר אִתָּם וַיִּתֵּן עַל־פָּנָיו מַסְוֶה׃ וּבְבֹא מפ׳ לד
מֹשֶׁה לִפְנֵי יְהוָה לְדַבֵּר אִתּוֹ יָסִיר אֶת־הַמַּסְוֶה עַד־צֵאתוֹ
וְיָצָא וְדִבֶּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵת אֲשֶׁר יְצֻוֶּה׃ וְרָאוּ בְנֵי־ לה
יִשְׂרָאֵל אֶת־פְּנֵי מֹשֶׁה כִּי קָרַן עוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה וְהֵשִׁיב מֹשֶׁה
אֶת־הַמַּסְוֶה עַל־פָּנָיו עַד־בֹּאוֹ לְדַבֵּר אִתּוֹ׃ ס

אים. [31] האָט זיי משה צוגערופן, און אַהרן, און אַלע פירשטן פון דער עדה האָבן זיך אומגעקערט צו אים, און משה האָט צו זיי גערעדט. [32] און דערנאָך האָבן גענענט אַלע קינדער פון ישׂראל, און ער האָט זיי באַפוילן אַלץ וואָס גאָט האָט מיט אים גערעדט אויפן באַרג סיני.

[33] און ווי משה האָט געענדיקט רעדן מיט זיי, האָט ער אָנגעטאָן אויף זיין פנים אַ צודעק. [34] און אַז משה איז געקומען פאַר גאָט צו רעדן מיט אים, פלעגט ער אָפּטאָן דעם צודעק ביז זיין אַרויסגיין; און ער פלעגט אַרויסגיין און רעדן צו די קינדער פון ישׂראל דאָס וואָס ער איז באַפוילן געוואָרן. [35] און די קינדער פון ישׂראל פלעגן זען דעם פנים פון משהן, אַז די הויט פון משהס פנים שטראַלט; און משה פלעגט ווידער אָנטאָן דעם צודעק אויף זיין פנים, ביז ער איז אַריינגעגאַנגען צו רעדן מיט אים.

# ויקהל

לה

וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת־כָּל־עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם א
אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לַעֲשֹׂת אֹתָם׃ שֵׁשֶׁת יָמִים ב
תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת
שַׁבָּתוֹן לַיהוָה כָּל־הָעֹשֶׂה בוֹ מְלָאכָה יוּמָת׃ לֹא־תְבַעֲרוּ ג
אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת׃ פ
וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר ד
אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לֵאמֹר׃ קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַיהוָה כֹּל ה
נְדִיב לִבּוֹ יְבִיאֶהָ אֵת תְּרוּמַת יְהוָה זָהָב וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת׃
וּתְכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ וְעִזִּים׃ וְעֹרֹת אֵילִם ו ז
מְאָדָּמִים וְעֹרֹת תְּחָשִׁים וַעֲצֵי שִׁטִּים׃ וְשֶׁמֶן לַמָּאוֹר ח
וּבְשָׂמִים לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְלִקְטֹרֶת הַסַּמִּים׃ וְאַבְנֵי־שֹׁהַם ט
וְאַבְנֵי מִלֻּאִים לָאֵפוֹד וְלַחֹשֶׁן׃ וְכָל־חֲכַם־לֵב בָּכֶם יָבֹאוּ י
וְיַעֲשׂוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה׃ אֶת־הַמִּשְׁכָּן אֶת־אָהֳלוֹ יא
וְאֶת־מִכְסֵהוּ אֶת־קְרָסָיו וְאֶת־קְרָשָׁיו אֶת־בְּרִיחָו אֶת־עַמֻּדָיו
וְאֶת־אֲדָנָיו׃ אֶת־הָאָרֹן וְאֶת־בַּדָּיו אֶת־הַכַּפֹּרֶת וְאֵת פָּרֹכֶת יב
הַמָּסָךְ׃ אֶת־הַשֻּׁלְחָן וְאֶת־בַּדָּיו וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֵת לֶחֶם יג
הַפָּנִים׃ וְאֶת־מְנֹרַת הַמָּאוֹר וְאֶת־כֵּלֶיהָ וְאֶת־נֵרֹתֶיהָ וְאֵת יד

לה, יא׳ בריחו ק

לה [1] און משה האָט אײַנגעזאַמלט די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישׂראל, און האָט צו זיי געזאָגט: דאָס זיינען די ווערטער וואָס גאָט האָט באַפוילן זיי צו טאָן: [2] זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַרבעט, אָבער אויפן זיבעטן טאָג זאָל אײַך זיין הייליק, אַ שבת פון רואונג צו גאָט; איטלעכער וואָס טוט אין אים אַן אַרבעט, זאָל גע־טייט ווערן. [3] איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אײַערע וווינערטער אין טאָג פון שבת.

[4] און משה האָט געזאָגט צו דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז די זאַך וואָס גאָט האָט באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: [5] נעמט אײַך אַן אָפּשיידונג צו גאָט, איטלעכער וואָס זיין האַרץ איז וויליק זאָל זי ברענגען, די אָפּשיידונג פון גאָט, גאָלד, און זילבער, און קופּער; [6] און בלאָע וואָל, און פּורפּל, און ווערמיל־רויט, און ליינען און ציגנהאָר; [7] און רויטגעפאַרבטע ווידערפעלן, און תּחש־פעלן, און שטים־האָלץ; [8] און אייל פאַר דער לייכטונג, און בשׂמים פאַר דעם אייל פון זאַלבונג, און פאַר דעם ווײַרויך פון שמעקעדיקע געווירצן; [9] און אָניקלשטיינער, און שטיינער צום אײַנפאַסן, פאַרן אַפוד און פאַרן חושן. [10] און אַלע קלוגהאַרציקע צווישן אײַך זאָלן קומען און מאַכן אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן: [11] דעם משכּן, זיין געצעלט, און זיין צודעק, זיינע האָקן, און זיינע ברעטער, זיינע ריגלען, זיינע זיילן, און זיינע שוועלן; [12] דעם אָרון און זיינע שטאַנגען, דעם דעק און דעם פּרוכת פון צווישנשייד; [13] דעם טיש און זיינע שטאַנגען, און אַלע זיינע כּלים, און דאָס ברויט פון אָנגעזיכט; [14] און די מנורה פאַר לייכטונג, און אירע כּלים, און אירע רערלעך, און דאָס

טו שֶׁמֶן הַמָּאוֹר׃ וְאֶת־מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת וְאֶת־בַּדָּיו וְאֵת שֶׁמֶן
הַמִּשְׁחָה וְאֵת קְטֹרֶת הַסַּמִּים וְאֶת־מָסַךְ הַפֶּתַח לְפֶתַח
טז הַמִּשְׁכָּן׃ אֶת ׀ מִזְבַּח הָעֹלָה וְאֶת־מִכְבַּר הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר
יז לוֹ אֶת־בַּדָּיו וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו אֶת־הַכִּיֹּר וְאֶת־כַּנּוֹ׃ אֵת קַלְעֵי
הֶחָצֵר אֶת־עַמֻּדָיו וְאֶת־אֲדָנֶיהָ וְאֵת מָסַךְ שַׁעַר הֶחָצֵר׃
יח אֶת־יִתְדֹת הַמִּשְׁכָּן וְאֶת־יִתְדֹת הֶחָצֵר וְאֶת־מֵיתְרֵיהֶם׃
יט אֶת־בִּגְדֵי הַשְּׂרָד לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ אֶת־בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ לְאַהֲרֹן
כ הַכֹּהֵן וְאֶת־בִּגְדֵי בָנָיו לְכַהֵן׃ וַיֵּצְאוּ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
שני מִלִּפְנֵי מֹשֶׁה׃ וַיָּבֹאוּ כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר־נְשָׂאוֹ לִבּוֹ וְכֹל אֲשֶׁר
נָדְבָה רוּחוֹ אֹתוֹ הֵבִיאוּ אֶת־תְּרוּמַת יְהוָה לִמְלֶאכֶת אֹהֶל
כב מוֹעֵד וּלְכָל־עֲבֹדָתוֹ וּלְבִגְדֵי הַקֹּדֶשׁ׃ וַיָּבֹאוּ הָאֲנָשִׁים
עַל־הַנָּשִׁים כֹּל ׀ נְדִיב לֵב הֵבִיאוּ חָח וָנֶזֶם וְטַבַּעַת וְכוּמָז
כָּל־כְּלִי זָהָב וְכָל־אִישׁ אֲשֶׁר הֵנִיף תְּנוּפַת זָהָב לַיהוָה׃
כג וְכָל־אִישׁ אֲשֶׁר־נִמְצָא אִתּוֹ תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי
וְשֵׁשׁ וְעִזִּים וְעֹרֹת אֵילִם מְאָדָּמִים וְעֹרֹת תְּחָשִׁים הֵבִיאוּ׃
כד כָּל־מֵרִים תְּרוּמַת כֶּסֶף וּנְחֹשֶׁת הֵבִיאוּ אֵת תְּרוּמַת יְהוָה
וְכֹל אֲשֶׁר נִמְצָא אִתּוֹ עֲצֵי שִׁטִּים לְכָל־מְלֶאכֶת הָעֲבֹדָה
כה הֵבִיאוּ׃ וְכָל־אִשָּׁה חַכְמַת־לֵב בְּיָדֶיהָ טָווּ וַיָּבִיאוּ מַטְוֶה
אֶת־הַתְּכֵלֶת וְאֶת־הָאַרְגָּמָן אֶת־תּוֹלַעַת הַשָּׁנִי וְאֶת־הַשֵּׁשׁ׃
כו וְכָל־הַנָּשִׁים אֲשֶׁר נָשָׂא לִבָּן אֹתָנָה בְּחָכְמָה טָווּ אֶת־
כז הָעִזִּים׃ וְהַנְּשִׂאִם הֵבִיאוּ אֵת אַבְנֵי הַשֹּׁהַם וְאֵת אַבְנֵי
כח הַמִּלֻּאִים לָאֵפוֹד וְלַחֹשֶׁן׃ וְאֶת־הַבֹּשֶׂם וְאֶת־הַשָּׁמֶן לְמָאוֹר
כט וּלְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְלִקְטֹרֶת הַסַּמִּים׃ כָּל־אִישׁ וְאִשָּׁה אֲשֶׁר
נָדַב לִבָּם אֹתָם לְהָבִיא לְכָל־הַמְּלָאכָה אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה
לַעֲשׂוֹת בְּיַד־מֹשֶׁה הֵבִיאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל נְדָבָה לַיהוָה׃ פ
של' (שני) וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רְאוּ קָרָא יְהוָה בְּשֵׁם
לא בְּצַלְאֵל בֶּן־אוּרִי בֶן־חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה׃ וַיְמַלֵּא אֹתוֹ
רוּחַ אֱלֹהִים בְּחָכְמָה בִּתְבוּנָה וּבְדַעַת וּבְכָל־מְלָאכָה׃

אייל פאַר לייכטונג; [15] און דעם מזבח פאַר ווייַרויך און זיינע שטאַנגען, און דאָס אייל פון זאַלבונג, און דעם ווייַרויך פון שמעקעדיקע געווירצן; און דעם טירפאַרהאַנג צום איינגאַנג פון משכן; [16] דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער און די קופערנע זיפּ וואָס צו אים, זיינע שטאַנגען, און אַלע זיינע כלים; דעם האַנטפאַס און זיין געשטעל; [17] די אַרומהאַנגען פון הויף, זיינע זיילן, און זיינע שוועלן, און דעם טויערפאַרהאַנג פון הויף; [18] די פלעקלעך פון משכן, און די פלעקלעך פון הויף, און זייערע שטריק; [19] די געשטריקטע קליידער אויף צו דינען אין הייליקטום, די הייליקע קליידער פאַר אהרן דעם כהן, און די קליידער פון זיינע זין, אויף צו טאָן די כהונה.

[20] און די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישראל איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר משהן. [21] און זיי זיינען געקומען, איטלעכער איינער וואָס זיין האַרץ האָט אים געטריבן, און איטלעכער וואָס זיין גייסט האָט אים באַווויליקט; זיי האָבן געבראַכט די אָפּשיידונג פון גאָט, פאַר דער אַרבעט פון אוהל־מועד, און פאַר זיין גאַנצן דינסט, און פאַר די הייליקע קליידער. [22] און עס זיינען געקומען מענער מיט ווייבער, איטלעכער וואָס זיין האַרץ איז געווען וויליק; זיי האָבן געבראַכט נאָזרינגען, און אוירינגען, און פינגערלעך, און האַלדזבענדער—אַלערליי גילדערנע זאַכן; איטלעכער איינער וואָס האָט אויפגעהויבן אַן אויפהייבונג פון גאָלד צו גאָט. [23] און איטלעכער איינער וואָס ביי אים האָט זיך געפונען בלאָע וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, און לייוונט, און ציגנהאָר, און רויטגעפאַרבטע ווידערפעלן, און תחש־פעלן, האָט געבראַכט. [24] איטלעכער וואָס האָט אָפּגעשיידט אַן אָפּשיידונג פון זילבער און קופער, האָט געבראַכט די אָפּשיידונג פון גאָט; און איטלעכער וואָס ביי אים האָט זיך געפונען שטים־האָלץ פאַר אַלערליי מלאכות פון דער אַרבעט, האָט געבראַכט. [25] און אַלע קלוגהאַרציקע ווייבער האָבן מיט זייערע הענט געשפּונען, און האָבן געבראַכט דאָס געשפּינס, די בלאָע וואָל, און דעם פורפּל, דאָס ווערמילרויט, און דעם לייוונט. [26] און אַלע ווייבער וואָס זייער האַרץ האָט זיי געטריבן מיט חכמה, האָבן געשפּונען די ציגנהאָר. [27] און די פירשטן האָבן געבראַכט די אָניקלשטיינער, און די שטיינער צום איינפאַסן, פאַרן אפוד און פאַרן חושן; [28] און די בשמים, און דאָס אייל, פאַר לייכטונג, און פאַר דעם אייל פון זאַלבונג, און פאַר דעם ווייַרויך פון שמעקעדיקע געווירצן. [29] די קינדער פון ישראל האָבן געבראַכט נדבות צו גאָט—איטלעכער מאַן און פרוי וואָס זייער האַרץ האָט זיי באַווויליקט צו ברענגען פאַר דער גאַנצער אַרבעט, וואָס גאָט האָט באַפוילן דורך משהן צו מאַכן.

[30] און משה האָט געזאָגט צו די קינדער פון ישראל: זעט, גאָט האָט גערופן מיטן נאָמען בצלאל דעם זון פון אורי דעם זון פון חורן, פון שבט יהודה. [31] און ער האָט אים אָנגעפילט מיטן גייסט פון גאָט, אין חכמה, אין פאַרשטאַנדיקייט, און אין

לב לג וְלַחְשֹׁב מַחֲשָׁבֹת לַעֲשֹׂת בַּזָּהָב וּבַכֶּסֶף וּבַנְּחֹשֶׁת׃ וּבַחֲרֹשֶׁת
אֶבֶן לְמַלֹּאת וּבַחֲרֹשֶׁת עֵץ לַעֲשׂוֹת בְּכָל־מְלֶאכֶת מַחֲשָׁבֶת׃
לד וּלְהוֹרֹת נָתַן בְּלִבּוֹ הוּא וְאָהֳלִיאָב בֶּן־אֲחִיסָמָךְ לְמַטֵּה־דָן׃
לה מִלֵּא אֹתָם חָכְמַת־לֵב לַעֲשׂוֹת כָּל־מְלֶאכֶת חָרָשׁ ׀ וְחֹשֵׁב
וְרֹקֵם בַּתְּכֵלֶת וּבָאַרְגָּמָן בְּתוֹלַעַת הַשָּׁנִי וּבַשֵּׁשׁ וְאֹרֵג
עֹשֵׂי כָּל־מְלָאכָה וְחֹשְׁבֵי מַחֲשָׁבֹת׃

לו

א וְעָשָׂה בְצַלְאֵל וְאָהֳלִיאָב וְכֹל ׀ אִישׁ חֲכַם־לֵב אֲשֶׁר נָתַן
יְהוָה חָכְמָה וּתְבוּנָה בָּהֵמָּה לָדַעַת לַעֲשֹׂת אֶת־כָּל־
ב מְלֶאכֶת עֲבֹדַת הַקֹּדֶשׁ לְכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה׃ וַיִּקְרָא מֹשֶׁה
אֶל־בְּצַלְאֵל וְאֶל־אָהֳלִיאָב וְאֶל כָּל־אִישׁ חֲכַם־לֵב אֲשֶׁר
נָתַן יְהוָה חָכְמָה בְּלִבּוֹ כֹּל אֲשֶׁר נְשָׂאוֹ לִבּוֹ לְקָרְבָה אֶל־
ג הַמְּלָאכָה לַעֲשֹׂת אֹתָהּ׃ וַיִּקְחוּ מִלִּפְנֵי מֹשֶׁה אֵת כָּל־
הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר הֵבִיאוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִמְלֶאכֶת עֲבֹדַת הַקֹּדֶשׁ
לַעֲשֹׂת אֹתָהּ וְהֵם הֵבִיאוּ אֵלָיו עוֹד נְדָבָה בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר׃
ד וַיָּבֹאוּ כָּל־הַחֲכָמִים הָעֹשִׂים אֵת כָּל־מְלֶאכֶת הַקֹּדֶשׁ אִישׁ־
ה אִישׁ מִמְּלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר־הֵמָּה עֹשִׂים׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־מֹשֶׁה
לֵּאמֹר מַרְבִּים הָעָם לְהָבִיא מִדֵּי הָעֲבֹדָה לַמְּלָאכָה אֲשֶׁר־
ו צִוָּה יְהוָה לַעֲשֹׂת אֹתָהּ׃ וַיְצַו מֹשֶׁה וַיַּעֲבִירוּ קוֹל בַּמַּחֲנֶה
לֵאמֹר אִישׁ וְאִשָּׁה אַל־יַעֲשׂוּ־עוֹד מְלָאכָה לִתְרוּמַת הַקֹּדֶשׁ
ז וַיִּכָּלֵא הָעָם מֵהָבִיא׃ וְהַמְּלָאכָה הָיְתָה דַיָּם לְכָל־הַמְּלָאכָה
ח לַעֲשׂוֹת אֹתָהּ וְהוֹתֵר׃ ס וַיַּעֲשׂוּ כָל־חֲכַם־לֵב בְּעֹשֵׂי
הַמְּלָאכָה אֶת־הַמִּשְׁכָּן עֶשֶׂר יְרִיעֹת שֵׁשׁ מָשְׁזָר וּתְכֵלֶת
וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי כְּרֻבִים מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב עָשָׂה אֹתָם׃
ט אֹרֶךְ הַיְרִיעָה הָאַחַת שְׁמֹנֶה וְעֶשְׂרִים בָּאַמָּה וְרֹחַב אַרְבַּע
י בָּאַמָּה הַיְרִיעָה הָאֶחָת מִדָּה אַחַת לְכָל־הַיְרִיעֹת׃ וַיְחַבֵּר
אֶת־חֲמֵשׁ הַיְרִיעֹת אַחַת אֶל־אֶחָת וְחָמֵשׁ יְרִיעֹת חִבַּר אֶחָת

קענשאַפט, און אין יעטוועדער מלאָכה; [32] און אויסצוקינצלען קונציקע זאַכן, צו אַרבעטן אין גאָלד, און אין זילבער, און אין קופער; [33] און אין שניידונג פון שטיינער צום אײַנפאַסן, און אין שניצונג פון האָלץ, צו אַרבעטן אין יעטוועדער קונציקער מלאָכה. [34] אויך צו לערנען אַנדערע האָט ער אַרײַנגעגעבן אין זײַן האַרצן, אים, און אָהליאָב דעם זון פון אַחיסָמָכן, פון שבט דָן. [35] ער האָט זיי אָנגעפילט מיט קלוגהאַרציקייט צו מאַכן יעטוועדער מלאָכה פונעם מײַנסטער, און פונעם קינצלער, און פונעם שטיקער אין בלאָער וואָל און אין פורפל, אין ווערמילרויט און אין לײַנען, און פונעם וועבער—פון די וואָס מאַכן אַלערליי מלאָכות, און קינצלען אויס קונציקע זאַכן.

לו [1] און בצַלאֵל און אָהליאָב, און אַלע קלוגהאַרציקע לײַט, וואָס גאָט האָט אַרײַנגעגעבן חכמה און פאַרשטאַנדיקייט אין זיי, צו וויסן ווי צו טאָן יעטוועדער מלאָכה פון דער אַרבעט פון הייליקטום, זאָלן מאַכן אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן.

[2] און משה האָט גערופן בצַלאֵלן, און אָהליאָבן, און איטלעכן קלוגהאַרציקן מאַן, וואָס גאָט האָט אַרײַנגעגעבן חכמה אין זײַן האַרצן, איטלעכן וואָס זײַן האַרץ האָט אים געטריבן צו גענענען צו דער אַרבעט, זי צו טאָן.

[3] און זיי האָבן גענומען פון משהן די גאַנצע אָפּשיידונג וואָס די קינדער פון ישׂראל האָבן געבראַכט פאַר דער מלאָכה פון דער אַרבעט פון הייליקטום, כּדי זי צו מאַכן. און די האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין ברענגען צו אים נדבות, פריימאָרגן אין פרימאָרגן.

[4] ווײַנען געקומען אַלע קלוגע לײַט וואָס האָבן געמאַכט די גאַנצע אַרבעט פון הייליקטום, איטלעכער מאַן פון זײַן אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן, [5] און זיי האָבן געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: דאָס פאָלק ברענגט מער ווי עס איז נייטיק צו דער אַרבעט, פאַר דער מלאָכה וואָס גאָט האָט באַפוילן זי צו מאַכן.

[6] האָט משה באַפוילן, און מע האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויסרוף אין לאַגער, אַזוי צו זאָגן: קיין מאַן און קיין פרוי זאָל מער ניט מאַכן אַרבעט פאַר דער הייליקער אָפּשיידונג. און דאָס פאָלק איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון ברענגען. [7] און דאָס אויסגעאַרבעטע איז זיי געווען גענוג פאַר דער גאַנצער אַרבעט, זי צו מאַכן, און נאָך איבערצולאָזן.

[8] און אַלע קלוגהאַרציקע צווישן די וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט, האָבן געמאַכט דעם מִשכּן אין צען פאָרהאַנגען; פון געדרייטן לײַנען, און בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט; מיט כּרובים, קונציק אויסגעאַרבעט האָט מען זיי געמאַכט. [9] די לענג פון איטלעכן פאָרהאַנג אַכט און צוואַנציק איילן, און די ברייט פון איטלעכן פאָרהאַנג פיר איילן; איין מאָס פאַר אַלע פאָרהאַנגען. [10] און מע האָט באַהעפט פינף פאָרהאַנגען איינעם צום אַנדערן, אויך די אַנדערע פינף פאָרהאַנגען האָט מען באַהעפט איינעם צום

אַנדערן. [11] און מע האָט געמאַכט שלייפן פון בלאָער
וואָל אויף דעם זוים פון איין פאָרהאַנג אין עק פון איין
באַהעפטונג; אַזוי האָט מען געמאַכט אויף דעם זוים פון
דעם עקסטן פאָרהאַנג אין דער צווייטער באַהעפטונג.
[12] פופציק שלייפן האָט מען געמאַכט אויף דעם איין פאָר־
האַנג, און פופציק שלייפן האָט מען געמאַכט אויף דעם
ברעג פון דעם פאָרהאַנג וואָס אין דער צווייטער באַ־
העפטונג; די שלייפן זיינען געווען איינער קעגן אַנדערן.
[13] און מע האָט געמאַכט פופציק גילדערנע האָקן, און מע
האָט באַהעפט די פאָרהאַנגען איינעם צום אַנדערן מיט
די האָקן, און דער מִשכן איז געווען איינס.

[14] און מע האָט געמאַכט פאָרהאַנגען פון ציגנהאָר
פאַר אַ געצעלט איבערן מִשכן; עלף פאָרהאַנגען האָט
מען זיי געמאַכט. [15] די לענג פון איטלעכן פאָרהאַנג
דרייסיק איילן, און די ברייט פון איטלעכן פאָרהאַנג פיר
איילן; איין מאָס פאַר די עלף פאָרהאַנגען. [16] און מע
האָט באַהעפט פינף פאָרהאַנגען באַזונדער, און זעקס
פאָרהאַנגען באַזונדער. [17] און מע האָט געמאַכט פופציק
שלייפן אויף דעם זוים פון דעם עקסטן פאָרהאַנג אין איין
באַהעפטונג, און פופציק שלייפן האָט מען געמאַכט אויף
דעם זוים פון דעם פאָרהאַנג אין דער צווייטער באַ־
העפטונג. [18] און מע האָט געמאַכט פופציק קופערנע האָקן צו באַהעפטן דאָס געצעלט, אַז עס זאָל זיין איינס. [19] און
מע האָט געמאַכט אַ צודעק פאַר דעם געצעלט, פון רויטגעפאַרבטע ווידערפעלן, און אַ צודעק פון תַחש־פעלן פון
אויבן. [20] און מע האָט געמאַכט די ברעטער צום מִשכן, פון שִטים־האָלץ, שטייעדיק. [21] צען איילן די לענג
פון אַ ברעט, און אַן אייל און אַ האַלב די ברייט פון איטלעכן ברעט. [22] צוויי צאַפּנס צו איטלעכן ברעט,
איינער קעגן אַנדערן אַזוי ווי שטאַפּלען. אַזוי האָט מען געמאַכט צו אַלע ברעטער פון מִשכן. [23] און מע האָט
געמאַכט די ברעטער פאַרן מִשכן: צוואַנציק ברעטער פאַר דער דָרום־זייט צו דָרום. [24] און פערציק זילבערנע
שוועלן האָט מען געמאַכט אונטער די צוואַנציק ברעטער: צו צוויי שוועלן אונטער איין ברעט פאַר זיינע צוויי צאַפּנס,
צו צוויי שוועלן אונטער איין ברעט פאַר זיינע צוויי צאַפּנס. [25] און פאַר דער צווייטער זייט פון מִשכן, צו צפון־זייט,
האָט מען געמאַכט צוואַנציק ברעטער, [26] און זייערע פערציק זילבערנע שוועלן: צו צוויי שוועלן אונטער איין ברעט,
צו צוויי שוועלן אונטער איין ברעט. [27] און פאַר דער הינטערשטער זייט פון מִשכן, צו מערב, האָט מען גע־
מאַכט זעקס ברעטער. [28] און צוויי ברעטער האָט מען געמאַכט פאַר די ווינקלען פון דעם מִשכן, אויף דער הינטער־
שטער זייט. [29] און זיי זיינען געווען אַריינגעפּאַסט אונטן, און דעסגלייכן זיינען זיי געווען אַריינגעפּאַסט אויבן ביז

יא אֶל־אֶחָת׃ וַיַּעַשׂ לֻלְאֹת תְּכֵלֶת עַל שְׂפַת הַיְרִיעָה הָאֶחָת
מִקָּצָה בַּמַּחְבָּרֶת כֵּן עָשָׂה בִּשְׂפַת הַיְרִיעָה הַקִּיצוֹנָה
יב בַּמַּחְבֶּרֶת הַשֵּׁנִית׃ חֲמִשִּׁים לֻלָאֹת עָשָׂה בַּיְרִיעָה הָאֶחָת
וַחֲמִשִּׁים לֻלָאֹת עָשָׂה בִּקְצֵה הַיְרִיעָה אֲשֶׁר בַּמַּחְבֶּרֶת
יג הַשֵּׁנִית מַקְבִּילֹת הַלֻּלָאֹת אַחַת אֶל־אֶחָת׃ וַיַּעַשׂ חֲמִשִּׁים
קַרְסֵי זָהָב וַיְחַבֵּר אֶת־הַיְרִיעֹת אַחַת אֶל־אַחַת בַּקְּרָסִים
וַיְהִי הַמִּשְׁכָּן אֶחָד׃ פ
יד וַיַּעַשׂ יְרִיעֹת עִזִּים לְאֹהֶל עַל־הַמִּשְׁכָּן עַשְׁתֵּי־עֶשְׂרֵה יְרִיעֹת
טו עָשָׂה אֹתָם׃ אֹרֶךְ הַיְרִיעָה הָאַחַת שְׁלֹשִׁים בָּאַמָּה וְאַרְבַּע
אַמּוֹת רֹחַב הַיְרִיעָה הָאֶחָת מִדָּה אַחַת לְעַשְׁתֵּי עֶשְׂרֵה
טז יְרִיעֹת׃ וַיְחַבֵּר אֶת־חֲמֵשׁ הַיְרִיעֹת לְבָד וְאֶת־שֵׁשׁ הַיְרִיעֹת
יז לְבָד׃ וַיַּעַשׂ לֻלָאֹת חֲמִשִּׁים עַל שְׂפַת הַיְרִיעָה הַקִּיצֹנָה
בַּמַּחְבָּרֶת וַחֲמִשִּׁים לֻלָאֹת עָשָׂה עַל־שְׂפַת הַיְרִיעָה הַחֹבֶרֶת
יח הַשֵּׁנִית׃ וַיַּעַשׂ קַרְסֵי נְחֹשֶׁת חֲמִשִּׁים לְחַבֵּר אֶת־הָאֹהֶל
יט לִהְיֹת אֶחָד׃ וַיַּעַשׂ מִכְסֶה לָאֹהֶל עֹרֹת אֵילִם מְאָדָּמִים
חמ׳ וּמִכְסֵה עֹרֹת תְּחָשִׁים מִלְמָעְלָה׃ ס וַיַּעַשׂ אֶת־הַקְּרָשִׁים
כא לַמִּשְׁכָּן עֲצֵי שִׁטִּים עֹמְדִים׃ עֶשֶׂר אַמֹּת אֹרֶךְ הַקָּרֶשׁ
כב וְאַמָּה וַחֲצִי הָאַמָּה רֹחַב הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד׃ שְׁתֵּי יָדֹת לַקֶּרֶשׁ
הָאֶחָד מְשֻׁלָּבֹת אַחַת אֶל־אֶחָת כֵּן עָשָׂה לְכֹל קַרְשֵׁי
כג הַמִּשְׁכָּן׃ וַיַּעַשׂ אֶת־הַקְּרָשִׁים לַמִּשְׁכָּן עֶשְׂרִים קְרָשִׁים
כד לִפְאַת נֶגֶב תֵּימָנָה׃ וְאַרְבָּעִים אַדְנֵי־כֶסֶף עָשָׂה תַּחַת
עֶשְׂרִים הַקְּרָשִׁים שְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת־הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד לִשְׁתֵּי
יְדֹתָיו וּשְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת־הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד לִשְׁתֵּי יְדֹתָיו׃
כה וּלְצֶלַע הַמִּשְׁכָּן הַשֵּׁנִית לִפְאַת צָפוֹן עָשָׂה עֶשְׂרִים קְרָשִׁים׃
כו וְאַרְבָּעִים אַדְנֵיהֶם כָּסֶף שְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד
כז וּשְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד׃ וּלְיַרְכְּתֵי הַמִּשְׁכָּן יָמָּה
כח עָשָׂה שִׁשָּׁה קְרָשִׁים׃ וּשְׁנֵי קְרָשִׁים עָשָׂה לִמְקֻצְעֹת הַמִּשְׁכָּן
כט בַּיַּרְכָתָיִם׃ וְהָיוּ תוֹאֲמִם מִלְּמַטָּה וְיַחְדָּו יִהְיוּ תַמִּים אֶל־

ראשו אל־הטבעת האחת כן עשה לשניהם לשני
המקצעת: והיו שמנה קרשים ואדניהם כסף ששה עשר ל
אדנים שני אדנים שני אדנים תחת הקרש האחד: ויעש לא
בריחי עצי שטים חמשה לקרשי צלע־המשכן האחת:
וחמשה בריחם לקרשי צלע־המשכן השנית וחמשה לב
בריחם לקרשי המשכן לירכתים ימה: ויעש את־הבריח לג
התיכן לברח בתוך הקרשים מן־הקצה אל־הקצה: ואת־ לד
הקרשים צפה זהב ואת־טבעתם עשה זהב בתים לבריחם
ויצף את־הבריחם זהב: ויעש את־הפרכת תכלת וארגמן לה
ותולעת שני ושש משזר מעשה חשב עשה אתה כרבים:
ויעש לה ארבעה עמודי שטים ויצפם זהב וויהם זהב לו
ויצק להם ארבעה אדני־כסף: ויעש מסך לפתח האהל לז
תכלת וארגמן ותולעת שני ושש משזר מעשה רקם:
ואת־עמודיו חמשה ואת־וויהם וצפה ראשיהם וחשקיהם לח
זהב ואדניהם חמשה נחשת: פ

לז

ויעש בצלאל את־הארן עצי שטים אמתים וחצי ארכו א
ואמה וחצי רחבו ואמה וחצי קמתו: ויצפהו זהב טהור ב
מבית ומחוץ ויעש לו זר זהב סביב: ויצק לו ארבע ג
טבעת זהב על ארבע פעמתיו ושתי טבעת על־צלעו
האחת ושתי טבעת על־צלעו השנית: ויעש בדי עצי ד
שטים ויצף אתם זהב: ויבא את־הבדים בטבעת על ה
צלעת הארן לשאת את־הארן: ויעש כפרת זהב טהור ו
אמתים וחצי ארכה ואמה וחצי רחבה: ויעש שני כרבים ז
זהב מקשה עשה אתם משני קצות הכפרת: כרוב אחד ח
מקצה מזה וכרוב־אחד מקצה מזה מן־הכפרת עשה
את־הכרבים משני קצוותו: ויהיו הכרבים פרשי כנפים ט

---

ט, ח׳ קצותיו ק

צום ערשטן רינג; אַזוי האָט מען געמאַכט בײ זײ בײדן, פאַר די צװײ װינקלען. 30 און עס זײנען געװען אַכט ברעטער מיט זײערע זילבערנע שװעלן—זעכצן שװעלן: צו צװײ שװעלן, צו צװײ שװעלן אונטער אײן ברעט.

31 און מע האָט געמאַכט ריגלען פון שטים־האָלץ: פינף פאַר די ברעטער פון אײן זײט מִשכן, 32 און פינף ריגלען פאַר די ברעטער פון דער צװײטער זײט מִשכן, און פינף ריגלען פאַר די ברעטער פון מִשכן אויף דער הינטער־שטער זײט, צו מערב. 33 און מע האָט געמאַכט דעם מיטלסטן ריגל דורכצוריגלען אין מיטן פון די ברעטער פון עק צו עק. 34 און די ברעטער האָט מען איבערגע־צויגן מיט גאָלד, און מע האָט געמאַכט צו זײ רינגען פון גאָלד, אויערן פאַר די ריגלען; און מע האָט איבערגע־צויגן די ריגלען מיט גאָלד.

35 און מע האָט געמאַכט דעם פָּרוֹכֶת פון בלאָער װאָל, און פורפּל, און װערמילרויט, און געדרײטן לײנען; קונציק אויסגעאַרבעט האָט מען אים געמאַכט, מיט כּרובים. 36 און מע האָט געמאַכט צו אים פיר זײלן פון שִטים־האָלץ, און זײ איבערגעצויגן מיט גאָלד, מיט זײערע העקלעך פון גאָלד; און מע האָט אויסגעגאָסן צו זײ פיר זילבערנע שװעלן.

37 און מע האָט געמאַכט אַ פאָרהאַנג פאַר דעם אײַנ־גאַנג פון געצעלט, פון בלאָער װאָל, און פורפּל, און װערמילרויט, און געדרײטן לײנען, געשטיקטע אַרבעט; 38 און פינף זײלן צו אים, מיט זײערע העקלעך; און מע האָט איבערגעצויגן זײערע קעפּ און זײערע רײפבענדער מיט גאָלד. און זײערע פינף שװעלן זײנען געװען קופּער.

לז 1 און בצלאל האָט געמאַכט דעם אָרון פון שִטים־האָלץ, צװײ אײלן און אַ האַלב זײן לענג, און אַן אײל און אַ האַלב זײן ברײט, און אַן אײל און אַ האַלב זײן הײך. 2 און ער האָט אים איבערגעצויגן מיט רײנעם גאָלד פון אינעװײניק און פון אויסנװײניק, און געמאַכט צו אים אַ גילדערנעם קראַנץ רונד אַרום. 3 און ער האָט אויס־געגאָסן צו אים פיר גילדערנע רינגען פאַר זײנע פיר פיס; צװײ רינגען אויף זײן אײן זײט, און צװײ רינגען אויף זײן צװײטער זײט. 4 און ער האָט געמאַכט שטאַנגען פון שִטים־האָלץ, און זײ איבערגעצויגן מיט גאָלד. 5 און ער האָט אַרײנגעצויגן די שטאַנגען אין די רינגען אויף די זײטן פון אָרון, צו טראָגן דעם אָרון.

6 און ער האָט געמאַכט אַ דעק פון רײנעם גאָלד, צװײ אײלן און אַ האַלב זײן לענג, און אַן אײל און אַ האַלב זײן ברײט. 7 און ער האָט געמאַכט צװײ כּרובים פון גאָלד; געהאַמערט האָט ער זײ געמאַכט, אויף בײדע עקן פון דעק: 8 אײן כּרוב בײם עק פון דער זײט, און אײן כּרוב בײם עק פון דער אַנדער זײט; פון דעק גופא האָט ער געמאַכט די כּרובים אויף זײנע בײדע עקן. 9 און די כּרובים האָבן אויסגעשפּרײט זײערע פליגלען

צו דער הייך, שירעמענדיק מיט זייערע פליגלען איבער
דעם דעק, מיט זייערע פּנימער איינער קעגן אַנדערן;
צום דעק צו זיינען געווען די פּנימער פון די כּרובים.
10 און ער האָט געמאַכט דעם טיש פון שטים־האָלץ,
צוויי איילן זיין לענג, און אַן איל זיין ברייט, און אַן איל
און אַ האַלב זיין הייך. 11 און ער האָט אים איבערגע־
צויגן מיט ריינעם גאָלד, און געמאַכט צו אים אַ גילדערנעם
קראַנץ רונד אַרום. 12 און ער האָט געמאַכט צו אים אַ
לייסט פון אַ האַנטברייט רונד אַרום, און געמאַכט אַ
גילדערנעם קראַנץ צו זיין לייסט רונד אַרום. 13 און ער
האָט אויסגעגאָסן פאַר אים פיר גילדערנע רינגען, און
אַרויפגעטאָן די רינגען אויף די פיר ווינקלען וואָס אויף
זיינע פיר פיס. 14 לעבן דעם לייסט זיינען געווען די
רינגען, אויערן פאַר די שטאַנגען, צו טראָגן דעם טיש.
15 און ער האָט געמאַכט די שטאַנגען פון שטים־האָלץ, און
זיי איבערגעצויגן מיט גאָלד, צו טראָגן דעם טיש. 16 און
ער האָט געמאַכט די כּלים וואָס אויפן טיש, זיינע שיסלען,
און זיינע שאַלן, און זיינע בעכערס, און די קאַנען וואָס
מיט זיי ווערט געגאָסן, פון ריינעם גאָלד.
17 און ער האָט געמאַכט די מנורה פון ריינעם גאָלד:
געהאַמערט האָט ער געמאַכט די מנורה, איר פוסגעשטעל,
און איר שטאַם; אירע בעכערלעך–אירע קנעפּ און אירע בלומען–זיינען געווען פון איר גופא. 18 און זעקס רערן
זיינען אַרויסגעגאַנגען פון אירע זייטן, דריי רערן פון דער מנורה פון איר איין זייט, און דריי רערן פון דער מנורה
פון איר צווייטער זייט; 19 דריי מאַנדלקוויטיקע בעכערלעך פון אַ קנאָפּ מיט אַ בלום אויף איין רער, און דריי
מאַנדלקוויטיקע בעכערלעך פון אַ קנאָפּ מיט אַ בלום אויפן אַנדער רער; אַזוי פאַר די זעקס רערן וואָס זיינען אַרויס־
געגאַנגען פון דער מנורה. 20 און אויף דער מנורה אַליין פיר מאַנדלקוויטיקע בעכערלעך–אירע קנעפּ און
אירע בלומען; 21 און אַ קנאָפּ אונטער צוויי רערן פון איר, און אַ קנאָפּ אונטער צוויי רערן פון איר, און אַ קנאָפּ אונטער
צוויי רערן פון איר, פאַר די זעקס רערן וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון איר. 22 אירע קנעפּ און אירע רערן זיינען
געווען פון איר גופא, אין גאַנצן איין אויסהאַמערונג פון ריינעם גאָלד. 23 און ער האָט געמאַכט אירע זיבן רערלעך,
און אירע צוואַנגלעך, און אירע אַשפענדלעך, פון ריינעם גאָלד. 24 פון אַ צענטנער ריינעם גאָלד האָט ער זי געמאַכט
מיט אַלע אירע כּלים.

25 און ער האָט געמאַכט דעם מזבח פאַר ווייררויך, פון שטים־האָלץ, אַן איל זיין לענג, און אַן איל זיין
ברייט, פירעקעדיק, און צוויי איילן זיין הייך; פון אים גופא זיינען געווען זיינע הערנער. 26 און ער האָט
אים איבערגעצויגן מיט ריינעם גאָלד, זיין אויבערדעק, און זיינע ווענט רונד אַרום, און זיינע הערנער; און ער האָט געמאַכט

לְמַעְלָה סֹכְכִים בְּכַנְפֵיהֶם עַל־הַכַּפֹּרֶת וּפְנֵיהֶם אִישׁ אֶל־
אָחִיו אֶל־הַכַּפֹּרֶת הָיוּ פְּנֵי הַכְּרֻבִים׃ פ
י וַיַּעַשׂ אֶת־הַשֻּׁלְחָן עֲצֵי שִׁטִּים אַמָּתַיִם אָרְכּוֹ וְאַמָּה רָחְבּוֹ
יא וְאַמָּה וָחֵצִי קֹמָתוֹ׃ וַיְצַף אֹתוֹ זָהָב טָהוֹר וַיַּעַשׂ לוֹ זֵר זָהָב
יב סָבִיב׃ וַיַּעַשׂ לוֹ מִסְגֶּרֶת טֹפַח סָבִיב וַיַּעַשׂ זֵר־זָהָב
יג לְמִסְגַּרְתּוֹ סָבִיב׃ וַיִּצֹק לוֹ אַרְבַּע טַבְּעֹת זָהָב וַיִּתֵּן אֶת־
יד הַטַּבָּעֹת עַל אַרְבַּע הַפֵּאֹת אֲשֶׁר לְאַרְבַּע רַגְלָיו׃ לְעֻמַּת
הַמִּסְגֶּרֶת הָיוּ הַטַּבָּעֹת בָּתִּים לַבַּדִּים לָשֵׂאת אֶת־הַשֻּׁלְחָן׃
טו וַיַּעַשׂ אֶת־הַבַּדִּים עֲצֵי שִׁטִּים וַיְצַף אֹתָם זָהָב לָשֵׂאת אֶת־
טז הַשֻּׁלְחָן׃ וַיַּעַשׂ אֶת־הַכֵּלִים ׀ אֲשֶׁר עַל־הַשֻּׁלְחָן אֶת־קְעָרֹתָיו
וְאֶת־כַּפֹּתָיו וְאֵת מְנַקִּיֹּתָיו וְאֶת־הַקְּשָׂוֺת אֲשֶׁר יֻסַּךְ בָּהֵן
זָהָב טָהוֹר׃ פ
ששי (שלי) וַיַּעַשׂ אֶת־הַמְּנֹרָה זָהָב טָהוֹר מִקְשָׁה עָשָׂה אֶת־הַמְּנֹרָה
יח יְרֵכָהּ וְקָנָהּ גְּבִיעֶיהָ כַּפְתֹּרֶיהָ וּפְרָחֶיהָ מִמֶּנָּה הָיוּ׃ וְשִׁשָּׁה
קָנִים יֹצְאִים מִצִּדֶּיהָ שְׁלֹשָׁה ׀ קְנֵי מְנֹרָה מִצִּדָּהּ הָאֶחָד
יט וּשְׁלֹשָׁה קְנֵי מְנֹרָה מִצִּדָּהּ הַשֵּׁנִי׃ שְׁלֹשָׁה גְבִעִים מְשֻׁקָּדִים
בַּקָּנֶה הָאֶחָד כַּפְתֹּר וָפֶרַח וּשְׁלֹשָׁה גְבִעִים מְשֻׁקָּדִים
בְּקָנֶה אֶחָד כַּפְתֹּר וָפָרַח כֵּן לְשֵׁשֶׁת הַקָּנִים הַיֹּצְאִים מִן־
כ הַמְּנֹרָה׃ וּבַמְּנֹרָה אַרְבָּעָה גְבִעִים מְשֻׁקָּדִים כַּפְתֹּרֶיהָ
כא וּפְרָחֶיהָ׃ וְכַפְתֹּר תַּחַת שְׁנֵי הַקָּנִים מִמֶּנָּה וְכַפְתֹּר תַּחַת
שְׁנֵי הַקָּנִים מִמֶּנָּה וְכַפְתֹּר תַּחַת־שְׁנֵי הַקָּנִים מִמֶּנָּה
כב לְשֵׁשֶׁת הַקָּנִים הַיֹּצְאִים מִמֶּנָּה׃ כַּפְתֹּרֵיהֶם וּקְנֹתָם מִמֶּנָּה
כג הָיוּ כֻּלָּהּ מִקְשָׁה אַחַת זָהָב טָהוֹר׃ וַיַּעַשׂ אֶת־נֵרֹתֶיהָ
כד שִׁבְעָה וּמַלְקָחֶיהָ וּמַחְתֹּתֶיהָ זָהָב טָהוֹר׃ כִּכָּר זָהָב טָהוֹר
עָשָׂה אֹתָהּ וְאֵת כָּל־כֵּלֶיהָ׃ פ
כה וַיַּעַשׂ אֶת־מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת עֲצֵי שִׁטִּים אַמָּה אָרְכּוֹ וְאַמָּה
כו רָחְבּוֹ רָבוּעַ וְאַמָּתַיִם קֹמָתוֹ מִמֶּנּוּ הָיוּ קַרְנֹתָיו׃ וַיְצַף אֹתוֹ
זָהָב טָהוֹר אֶת־גַּגּוֹ וְאֶת־קִירֹתָיו סָבִיב וְאֶת־קַרְנֹתָיו וַיַּעַשׂ

לוֹ זֵר זָהָב סָבִיב׃ וּשְׁתֵּי טַבְּעֹת זָהָב עָשָׂה־לוֹ ׀ מִתַּחַת כז
לְזֵרוֹ עַל שְׁתֵּי צַלְעֹתָיו עַל שְׁנֵי צִדָּיו לְבָתִּים לְבַדִּים לָשֵׂאת
אֹתוֹ בָּהֶם׃ וַיַּעַשׂ אֶת־הַבַּדִּים עֲצֵי שִׁטִּים וַיְצַף אֹתָם כח
זָהָב׃ וַיַּעַשׂ אֶת־שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה קֹדֶשׁ וְאֶת־קְטֹרֶת הַסַּמִּים כט
טָהוֹר מַעֲשֵׂה רֹקֵחַ׃ ס

לח

וַיַּעַשׂ אֶת־מִזְבַּח הָעֹלָה עֲצֵי שִׁטִּים חָמֵשׁ אַמּוֹת אָרְכּוֹ שב׳ (רב׳)
וְחָמֵשׁ־אַמּוֹת רָחְבּוֹ רָבוּעַ וְשָׁלֹשׁ אַמּוֹת קֹמָתוֹ׃ וַיַּעַשׂ ב
קַרְנֹתָיו עַל אַרְבַּע פִּנֹּתָיו מִמֶּנּוּ הָיוּ קַרְנֹתָיו וַיְצַף אֹתוֹ
נְחֹשֶׁת׃ וַיַּעַשׂ אֶת־כָּל־כְּלֵי הַמִּזְבֵּחַ אֶת־הַסִּירֹת וְאֶת־הַיָּעִים ג
וְאֶת־הַמִּזְרָקֹת אֶת־הַמִּזְלָגֹת וְאֶת־הַמַּחְתֹּת כָּל־כֵּלָיו עָשָׂה
נְחֹשֶׁת׃ וַיַּעַשׂ לַמִּזְבֵּחַ מִכְבָּר מַעֲשֵׂה רֶשֶׁת נְחֹשֶׁת תַּחַת ד
כַּרְכֻּבּוֹ מִלְּמַטָּה עַד־חֶצְיוֹ׃ וַיִּצֹק אַרְבַּע טַבָּעֹת בְּאַרְבַּע ה
הַקְּצָוֹת לְמִכְבַּר הַנְּחֹשֶׁת בָּתִּים לַבַּדִּים׃ וַיַּעַשׂ אֶת־הַבַּדִּים ו
עֲצֵי שִׁטִּים וַיְצַף אֹתָם נְחֹשֶׁת׃ וַיָּבֵא אֶת־הַבַּדִּים בַּטַּבָּעֹת ז
עַל צַלְעֹת הַמִּזְבֵּחַ לָשֵׂאת אֹתוֹ בָּהֶם נְבוּב לֻחֹת עָשָׂה
אֹתוֹ׃ ס וַיַּעַשׂ אֵת הַכִּיּוֹר נְחֹשֶׁת וְאֵת כַּנּוֹ נְחֹשֶׁת ח
בְּמַרְאֹת הַצֹּבְאֹת אֲשֶׁר צָבְאוּ פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ ס
וַיַּעַשׂ אֶת־הֶחָצֵר לִפְאַת ׀ נֶגֶב תֵּימָנָה קַלְעֵי הֶחָצֵר שֵׁשׁ ט
מָשְׁזָר מֵאָה בָּאַמָּה׃ עַמּוּדֵיהֶם עֶשְׂרִים וְאַדְנֵיהֶם עֶשְׂרִים י
נְחֹשֶׁת וָוֵי הָעַמּוּדִים וַחֲשֻׁקֵיהֶם כָּסֶף׃ וְלִפְאַת צָפוֹן מֵאָה יא
בָאַמָּה עַמּוּדֵיהֶם עֶשְׂרִים וְאַדְנֵיהֶם עֶשְׂרִים נְחֹשֶׁת וָוֵי
הָעַמּוּדִים וַחֲשֻׁקֵיהֶם כָּסֶף׃ וְלִפְאַת־יָם קְלָעִים חֲמִשִּׁים יב
בָּאַמָּה עַמּוּדֵיהֶם עֲשָׂרָה וְאַדְנֵיהֶם עֲשָׂרָה וָוֵי הָעַמֻּדִים
וַחֲשׁוּקֵיהֶם כָּסֶף׃ וְלִפְאַת קֵדְמָה מִזְרָחָה חֲמִשִּׁים אַמָּה׃ יג
קְלָעִים חֲמֵשׁ־עֶשְׂרֵה אַמָּה אֶל־הַכָּתֵף עַמּוּדֵיהֶם שְׁלֹשָׁה יד
וְאַדְנֵיהֶם שְׁלֹשָׁה׃ וְלַכָּתֵף הַשֵּׁנִית מִזֶּה וּמִזֶּה לְשַׁעַר טו
הֶחָצֵר קְלָעִים חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה אַמָּה עַמֻּדֵיהֶם שְׁלֹשָׁה

צו אים אַ גילדערנעם קראַנץ רונד אַרום. [27] און צוויי גילדערנע רינגען האָט ער געמאַכט צו אים אונטער זיין קראַנץ אויף זיינע צוויי פלאַנקען—אויף זיינע צוויי זייטן, פאַר אויערן פאַר די שטאַנגען, אים צו טראָגן אויף זיי. [28] און ער האָט געמאַכט די שטאַנגען פון שטים־האָלץ, און זיי איבערגעצויגן מיט גאָלד.

[29] און ער האָט געמאַכט דאָס הייליקע אייל פון זאַלבונג, און דעם ריינעם ווייריך פון שמעקעדיקע געווירצן, אַזוי ווי דער בשׂמים־מישער מאַכט.

## לח

[1] און ער האָט געמאַכט דעם מזבח פאַר בראַנד־אָפּפער, פון שטים־האָלץ, פינף איילן זיין לענג, און פינף איילן זיין ברייט, פירעקעכדיק, און דריי איילן זיין הייך. [2] און ער האָט געמאַכט זיינע הערנער אויף זיינע פיר ווינקלען; פון אים גופא זיינען געווען זיינע הערנער; און ער האָט אים איבערגעצויגן מיט קופּער. [3] און ער האָט געמאַכט אַלע כלים פון מזבח, די טעפּ, און די שופלען, און די שפּרענגבעקנס, די גאָפּלען, און די פייער־פאַנען; אַלע זיינע כלים האָט ער געמאַכט פון קופּער. [4] און ער האָט געמאַכט צום מזבח אַ קופּערנע זיפּ פון נעצאַרבעט אונטער זיין געזימס, פון אונטן ביז זיין העלפט. [5] און ער האָט אויסגעגאָסן פיר רינגען פאַר די פיר עקן פון דער קופּערנער זיפּ, אויערן פאַר די שטאַנגען. [6] און ער האָט געמאַכט די שטאַנגען פון שטים־האָלץ, און זיי איבערגעצויגן מיט קופּער. [7] און ער האָט אַריינגעצויגן די שטאַנגען אין די רינגען אויף די זייטן פון מזבח, אים צו טראָגן אויף זיי; הויל אינעווייניק, פון ברעטער, האָט ער אים געמאַכט.

[8] און ער האָט געמאַכט דעם האַנטפאַס פון קופּער, און זיין געשטעל פון קופּער, פון די שפּיגלען פון די ווייבער וואָס פלעגן זיך אײַנזאַמלען ביים אײַנגאַנג פון אוהל־מועד.

[9] און ער האָט געמאַכט דעם הויף: פאַר דער דרום־זייט צו דָרום, אַרומהאַנגען פון הויף פון געדרייטן ליינען, הונדערט איילן; [10] די זיילן דערצו צוואַנציק, און זייערע שוועלן צוואַנציק, פון קופּער; די העקלעך פון די זיילן, און זייערע רייפבענדער, פון זילבער. [11] און פאַר דער צפון־זייט, הונדערט איילן; די זיילן דערצו צוואַנציק, און זייערע שוועלן צוואַנציק, פון קופּער; די העקלעך פון די זיילן, און זייערע רייפבענדער, פון זילבער. [12] און פאַר דער מערב־זייט, אַרומהאַנגען פון פופציק איילן; די זיילן דערצו צען, און זייערע שוועלן צען; די העקלעך פון די זיילן, און זייערע רייפבענדער, פון זילבער. [13] און פאַר דער מזרח־זייט צו זונאויפגאַנג, פופציק איילן. [14] אַרומהאַנגען פאַר איין זייט [פון טויער], פופצן איילן; די זיילן דערצו דריי, און זייערע שוועלן דריי. [15] און אַזוי אויף דער צווייטער זייט; אי אויף דער זייט אי אויף דער אַנדער זייט פון טויער פון הויף אַרומהאַנגען פופצן איילן; די זיילן דערצו דריי,

טז וְאַדְנֵיהֶם שְׁלֹשָׁה׃ כָּל־קַלְעֵי הֶחָצֵר סָבִיב שֵׁשׁ מָשְׁזָר׃
יז וְהָאֲדָנִים לָעַמֻּדִים נְחֹשֶׁת וָוֵי הָעַמּוּדִים וַחֲשׁוּקֵיהֶם כֶּסֶף
וְצִפּוּי רָאשֵׁיהֶם כָּסֶף וְהֵם מְחֻשָּׁקִים כֶּסֶף כֹּל עַמֻּדֵי
ספ' הֶחָצֵר׃ וּמָסַךְ שַׁעַר הֶחָצֵר מַעֲשֵׂה רֹקֵם תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן
וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר וְעֶשְׂרִים אַמָּה אֹרֶךְ וְקוֹמָה בְרֹחַב
יט חָמֵשׁ אַמּוֹת לְעֻמַּת קַלְעֵי הֶחָצֵר׃ וְעַמֻּדֵיהֶם אַרְבָּעָה
וְאַדְנֵיהֶם אַרְבָּעָה נְחֹשֶׁת וָוֵיהֶם כֶּסֶף וְצִפּוּי רָאשֵׁיהֶם
כ וַחֲשֻׁקֵיהֶם כָּסֶף׃ וְכָל־הַיְתֵדֹת לַמִּשְׁכָּן וְלֶחָצֵר סָבִיב נְחֹשֶׁת׃

ס ס ס

און זייערע שוועלן דריי. 16 אַלע אַרומהאַנגען פון הויף רונד אַרום, פון געדרייטן ליינען. 17 און די שוועלן צו די זיילן, פון קופער: די העקלעך פון די זיילן, און זייערע רייפבענדער, פון זילבער; און דער איבערצוג פון זייערע קעפ, פון זילבער; און זיי זיינען געווען אַרומגע־רייפט מיט זילבער, אַלע זיילן פון הויף. 18 און דער טויערפאָרהאַנג פון הויף איז געווען געשטיקטע אַרבעט, פון בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, און גע־דרייטן ליינען; און צוואַנציק איילן די לענג, און די הייך–פאַר ברייט–פינף איילן, גלייך מיט די אַרומהאַנגען פון הויף. 19 און די זיילן דערצו פיר, און זייערע שוועלן פיר, פון קופער; זייערע העקלעך, פון זילבער, דער איבערצוג פון זייערע קעפ, און זייערע רייפבענדער, פון זילבער; 20 און אַלע פלעקלעך פון מִשכּן און פון הויף רונד אַרום, פון קופער.

# פְּקוּדֵי

כא אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל־פִּי
כב מֹשֶׁה עֲבֹדַת הַלְוִיִּם בְּיַד אִיתָמָר בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן׃ וּבְצַלְאֵל
בֶּן־אוּרִי בֶן־חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה עָשָׂה אֵת כָּל־אֲשֶׁר־צִוָּה
כג יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וְאִתּוֹ אָהֳלִיאָב בֶּן־אֲחִיסָמָךְ לְמַטֵּה־דָן
חָרָשׁ וְחֹשֵׁב וְרֹקֵם בַּתְּכֵלֶת וּבָאַרְגָּמָן וּבְתוֹלַעַת הַשָּׁנִי
כד וּבַשֵּׁשׁ׃ ס כָּל־הַזָּהָב הֶעָשׂוּי לַמְּלָאכָה בְּכֹל מְלֶאכֶת
הַקֹּדֶשׁ וַיְהִי ׀ זְהַב הַתְּנוּפָה תֵּשַׁע וְעֶשְׂרִים כִּכָּר וּשְׁבַע
כה מֵאוֹת וּשְׁלֹשִׁים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ׃ וְכֶסֶף פְּקוּדֵי הָעֵדָה
מְאַת כִּכָּר וְאֶלֶף וּשְׁבַע מֵאוֹת וַחֲמִשָּׁה וְשִׁבְעִים שֶׁקֶל
כו בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ׃ בֶּקַע לַגֻּלְגֹּלֶת מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל
הַקֹּדֶשׁ לְכֹל הָעֹבֵר עַל־הַפְּקֻדִים מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה
לְשֵׁשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף וּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים׃
כז וַיְהִי מְאַת כִּכַּר הַכֶּסֶף לָצֶקֶת אֵת אַדְנֵי הַקֹּדֶשׁ וְאֵת אַדְנֵי
כח הַפָּרֹכֶת מְאַת אֲדָנִים לִמְאַת הַכִּכָּר כִּכָּר לָאָדֶן׃ וְאֶת־
הָאֶלֶף וּשְׁבַע הַמֵּאוֹת וַחֲמִשָּׁה וְשִׁבְעִים עָשָׂה וָוִים לָעַמּוּדִים
כט וְצִפָּה רָאשֵׁיהֶם וְחִשַּׁק אֹתָם׃ וּנְחֹשֶׁת הַתְּנוּפָה שִׁבְעִים
ל כִּכָּר וְאַלְפַּיִם וְאַרְבַּע־מֵאוֹת שָׁקֶל׃ וַיַּעַשׂ בָּהּ אֶת־אַדְנֵי
פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד וְאֵת מִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת וְאֶת־מִכְבַּר הַנְּחֹשֶׁת
לא אֲשֶׁר־לוֹ וְאֵת כָּל־כְּלֵי הַמִּזְבֵּחַ׃ וְאֶת־אַדְנֵי הֶחָצֵר סָבִיב

21 דאָס זיינען די איבערציילונגען פון מִשכּן, דעם מִשכּן פון געזעץ, וואָס זיינען איבערגעציילט געוואָרן לויט דעם מויל פון משהן דורך דער אַרבעט פון די לוִיִים אונטער דער האַנט פון איתָמָר דעם זון פון אַהרן דעם כהן.— 22 און בצַלאֵל דער זון פון אורי דעם זון פון חורן, פון שבט יהודה, האָט געמאַכט אַלץ וואָס גאָט האָט באַ־פוילן משהן. 23 און מיט אים איז געווען אָהליאָב דער זון פון אַחיסָמָכן, פון שבט דָן, אַ מייַנסטער, און אַ קינצ־לער, און אַ שטיקער אין בלאָער וואָל, און אין פורפל, און אין ווערמילרויט, און אין ליינען.— 24 דאָס גאַנצע גאָלד וואָס איז פאַרטאָן געוואָרן אויף דער אַרבעט ביי דער גאַנצער אַרבעט פון הייליקטום, דאָס גאָלד פון דער אויפהייבונג, איז געווען ניין און צוואַנציק צענטנער, און זיבן הונדערט און דרייסיק שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל. 25 און דאָס זילבער פון דער ציילונג פון דער עדה איז געווען הונדערט צענטנער, און טויזנט און זיבן הונדערט און פינף און זיבעציק שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל. 26 אַ בֶּקַע אויף אַ קאָפּ, אַ האַלבער שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל, פאַר איטלעכן וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין דער ציילונג, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, פאַר זעקס הונדערט טויזנט און דריי טויזנט און פינף הונדערט און פופציק. 27 און די הונדערט צענטנער זילבער זיינען געווען אויף אויסצוגיסן די שוועלן פון הייליקטום, און די שוועלן פון פָּרוֹכֶת; הונדערט שוועלן פון הונדערט צענטנער, אַ צענטנער אויף אַ שוועל. 28 און פון די טויזנט און זיבן הונדערט און פינף און זיבעציק האָט מען געמאַכט העקלעך צו די זיילן, און איבערגעצויגן זייערע קעפ, און זיי אַרומגערייפט. 29 און דאָס קופער פון דער אויפהייבונג איז געווען זיבעציק צענטנער, און צוויי טויזנט און פיר הונדערט שֶקל. 30 און מע האָט דערפון געמאַכט די שוועלן פון דעם אַיינגאַנג פון אוהל־מועד, און דעם קופּערנעם מזבח, און די קופּערנע זיפּ וואָס צו אים, און אַלע כלים פון מזבח, 31 און די שוועלן פון הויף רונד אַרום,